בעזהשי"ת

קונטרס

# על בנינו ועל דורותינו

יו"ל לרגל

## האסיפה הגדולה

שע"י התאחדות האברכים דסאטמאר

ביום ה' לסדר "לנו ולבנינו לעשות את כל דברי התורה הזאת" נצו"י תש"ע לפ"ק

בבית המדרש הגדול דקהל יטב לב דסאטמאר

כ"ג אלול תש"ע לפ"ק

ליקוטי דרשות במשנתו של רבינו שנקבצו ונכתבו על ידי

**התאחדות האברכים דרבינו יואל ד'סאטמאר**

ברוקלין נוי יארק

# ליקוטי דרשות בגנות הקאמפיוטער במשנת רבינו

בודקין את החמץ לאור הנר, מען דארף זעהן מבער צו זיין יעדע סארט חמץ פון שטוב, און דאס מיינט אויך די כלי מכשירים וואס טאר זיך נישט געפונען אין א אידישע שטוב, דער יצר הרע רוהט נישט איין, דער יצר הרע האט נאך קיינעם נישט אויסגעלאזט, אינג און אלט, און יעדער איינער דארף האבן א שמירה יתירה - ממילא אין שטוב טאר מען עס אוודאי נישט האבן - נאר אפילו בעלי בתים וואס מוזן עס האבן, ליידער איז דאך היינט אזוי אז כמעט יעדער סוחר דארף זיין מחובר מיטן אינטערנעט, און חלילה אויב ס'מאכט זיך א שוואכע מינוט קען מען דורכפאלן, רבים חללים הפילה. איז ווער ס'דארף עס טאקע האבן פאר מסחר איז שוין היינט דא אזעלכע קאמפאניס וואס טוען אביסל דורכזיפן די שמוץ, אויף דעם מען אויך רחמי שמים, איז אבער דאך כולי האי ואולי וועט מען קענען נזהר זיין פון א מכשול.

(שבה"ג תשס"ג)

★ ★ ★

מען רעדט דא צו בעלי בתים סוחרים, יעדער סוחר היינט האט א קאמפיוטער אין געשעפט, אן דעם - כמעט מען קען זאגן - קען מען נישט זיין אין מסחר, מען איז אליין דער בעל הבית און מען האט אליין דעם קאמפיוטער און מען האט אליין דעם אפיס, מען דארף האבן א געוואלדיגע שמירה.

מען רעדט זייער אסאך וועגן קאמפיוטער פאר קינדער, ווי שעדליך דאס איז אינדערהיים, וואס דאס איז אמת, אבער איך וויל ארויסברענגן די שעדליכקייט פאר די עלטערע, פאר די בעלי בתים, די אלע האבן אויך נאכנישט מבער געווען דעם יצר הרע פון הארץ, און דער יצר הרע איז זייער שטארק, און מיט א קלייניגקייט מיט איין קוועטש אין קנעפל קען מען חלילה אנקומען אין שאול תחתית, א מענטש איז נאר א מענטש און אמאל האט ער א שוואכע מינוט, און חלילה וחלילה מען קען נכשל ווערן.

ס'איז דא היינט צוטאג פארשידענע וואס שטעלן אויף אינעם קאמפיוטער אביסל געפילטערט, איך קען נישט זאגן אז ס'איז הונדערט פראצענט כשר, אבער עפעס איז עס געפילטערט, עפעס זויבערט עס, זאל א איד וויסן ער דארף זען אז איכא דרכא אחרינא, און אויב מוז ער האבן א קאמפיוטער זאל ער זיך שטעלן א גדר ער זאל כאטשיג נישט קענען צוקומען, דער יצה"ר זאל נישט האבן א שליטה אויף איהם ער זאל אנקומען איבעראל ווי ער אליין וויל נישט אנקומען.

(דרשה חוהמ"פ תשס"ג)

★ ★ ★

די זעלבע מיט די קאמפיוטערס, א ביטערע אומגליק!!! מען זיצט אינדערהיים מען איז משחית זיך, זיין נשמה, די נשמות פון די קינדער, די נשמה פון די בני בית, סיי אינגלעך און סיי מיידלעך, ווען מען זאל פארציילן אין די גאסן וואס מען ווייסט פון די אומגליקן וואס דאס האט שוין געברענגט, און וואס דאס האט שוין אראפגעפירט פון אידישן וועג, און ווען איך זאג אראפגעפירט פון די אידישן וועג מיין איך אראפגעפירט ממש פון אידישן וועג,

וואלט זיך די האר פון קאפ אויפגעשטעלט, נעבעך אייגענע טאטעס האבען געטון מיט אייגענע קינדער, מען האט זיך נישט געכאפט, ער האט געקויפט אין שטוב א כלי, מען האט געמיינט אז מען טוט א טובה, און מען האט אומגליקליך געמאכט זיך, זיין ווייב און די קינדער, אומגליקליך.

עס איז דא פילטער'ס, אין אמעריקא איז דא, דאס איז שוין יא דא אין אמעריקע, איך הער דא אין אייראפע איז אויך שוין דא, וואס קודם אז מען דארף דאס נישט האבן פאר מסחר ווער ברענגט זיך אריין א נחש אין שטוב אריין? נאר די מסחר איז דאך היינט אזוי געווארן, אבער פארוואס זאל מען זיך נישט ארויף לייגן א כלי וואס זאל עס אביסל איבערזיפען נישט אריינלאזן כל דבר אסור.

(דרשה בלאנדאן תבא תשס"ט)

★ ★ ★

די שטאט איז זיך ב"ה צוואקסן, אידן האבן געעפענט געשעפטן און אפיסעס, און מען האט ב"ה מצליח געווען אין די געשעפטן, מען האט ארבעטערס, און אזוי ווי ס'גייט לויט די היינטיגע טעכניק קען מען בדרך הטבע נישט פירן קיין ביזנעס אן קיין קאמפיוטער.

מען האט שוין אסאך גערעדט וועגן קאמפיוטער'ס אינדערהיים, ב"ה מען קען זאגן אז דער ציבור האט פארשטאנען און כמעט וואס ס'געפינט זיך נישט אין שטוב קיין קאמפיוטער, וואויל איז פאר די אידן!, אבער איך וויל יעצט רעדן וועגן די קאמפיוטער'ס וואס מען האט אין די אפיסעס, יעדער קאמפיוטער קומט היינט מחובר צום אינטערנעט, ווייל כדי צו פירן דעם ביזנעס ברויך מען זיין אנגעשלאסן צו די גרויסע וועלט, און מען דארף האבן א געוואלדיגע שמירה דערויף, ס'ארבעטן דארט אנשים ונשים, אינגעלייט און אפילו מיטליעריגע וואס פון זיי האט דער יצה"ר אויך נישט פארגעסן, ער איז א מלך זקן וכסיל, און מען דארף האבן א געוואלדיגע שמירה, ווייל אין א שוואכע מינוט קען מען אנקומען צו דאס ערגסטע וואס מען קען זיך גארנישט פארשטעלן.

עס ליגט אן אחריות אויף יעדן בעל הבית פון א מסחר, ס'איז שוין היינט דא צו באקומען אזא מין פילטער וואס לאזט נישט דורך קיין דברי תועבה, עס טוט אביסל דורכזיפן, און על כל פנים באפס מה איז עס א שטיקל שמירה מען זאל נישט צוקומען צו זען דברים אסורים. דער אייבערשטער וועט העלפן אז אין דעם זכות וועט מען מאכן אסאך געלד און האבן הצלחה און סייעתא דשמיא אין די געשעפטן אויפן כשר'ן וועג.

(דרשה לפני קריה"ת שב"ק בהר תשס"ה)

★ ★ ★

די צווייטע זאך איז וואס מען האט שוין גערעדט דא, אבער פון מאל צו מאל האלט איך מיט אזעלכע מעשיות וואס ס'שוידערט מיך אויף פון מאל צו מאל איך קען גארנישט זאגן וואסערע פראבלעמען עס קומען ארויס, דאס זענען די פראבלעמען פון די קאמפיוטער'ס. מען מיינט אז מען זאגט דאס סתם אזוי, איך הער דאך מיך אן מיט אזויפיהל עגמת נפש מיט אזויפיהל פראבלעמען, ווען מען וואלט דאס ווען געוואוסט וואלט מען דאס גע'אסר'ט און מען וואלט דאס געלייגט ווען אין חרם.

ס'איז געווען ביי מיר יענע וואך א אינגערמאן, און ער זאגט מיר ער ארבעט אין קאמפיוטער דאס איז זיין פרנסה, ער ארבעט און פאררעכט קאמפיוטער'ס, און ער קומט אריין צו פארשידענע בעלי מסחר, ער פאררעכט זייערע מאשינען. זאגט ער מיר ער איז געווען ביי א איד א חסיד'ישער איד - שוין נישט קיין אינגערמאן א בא בשנים - און ער איז איהם אריינגעגאנען אין קאמפיוטער, ווער ס'איז א בר הכי איז אפילו יענער מעקט אויס מען זאל נישט קענען זעהן קען אבער יענער אריינגיין און זעהן וואס עס טוט זיך לפני ולפנים, זאגט ער אז ער שעמט זיך מיר צו זאגן ווי יענער איז אלס אנגעקומען, רחמנא ליצלן, ער זאגט מיר אז דאס אין געשעפט, ער ווייסט אפילו נישט ווי יענער האט צייט צו דעם, שעות שעות זעהט ער זיך אן און ער קען זיך נישט באהערשן.

ס'איז דא פראבלעמען מיט אינגעלייט בני תורה מחברי ספרים, מען האט דאס און מען פארקריכט, דער יצה"ר איז דאך אזוי שטארק אז מען קען זיך גארנישט פארשטעלן, פשוט מען דארף גיין אין די גאסן און שרייען געוואלד! וואס טוט זיך, און דער יצה"ר ווערט אלץ מער און מער, מען האט דאס שוין היינט אין טאש אזעלכע פארגעשריטענע מכשירים, און ווער ווייסט ווי מען וועט אנקומען. מען דארף דאך בעטן דעם אייבערשטן, מען דארף האבן אזא סייעתא דשמיא, מען פלאגט זיך מיט זיך און מיט קינדער מען וויל זיין ערליך, און מיט א קליינעם קוועטש מיטן קנעפל ל"ע קומט מען אן אין שאול תחתית קיינמאל קריכט מען נישט ארויס, מען האפט אז ער וועט אמאל תשובה טוהן. ס'איז דאך אזא מין צרה אז מען גארנישט נישט זאגן, מען דארף וויינען גאנצע טעג און גאנצע נעכט וואס ס'טוט זיך אפ אין אידישע הייזער, דער ציבור ווייסט דאס נישט, מען מיינט מען רעדט און מען רעדט, ווען מען זאל וויסן וואס מען הערט און וואס מען לעבט מיט, ווען מען זעהן אז מען רעדט צו ווייניג דערפון.

איך בעט ברחמנות יעדן איינעם, מען זאל רחמנות האבן אויף זיך אליין, די וואך גייט פ' וישב, און מען זעהט אין די סדרה די נסיונות פון יוסף הצדיק, אידן מאכן מיט די מאשין יעדן טאג די נסיונות פון יוסף הצדיק, ממש מען מאכט דאס מיט, ס'איז ואין איש מאנשי הבית שם בבית, מען איז פארשלאסן, מען דארף אבער זיין א יוסף הצדיק דאס צו קענען ביישטיין, השי"ת זאל זיך מרחם זיין, וואס זאל מען זאגן, מען קען בעטן אז השי"ת זאל זיך מרחם זיין אויף כלל ישראל און אפהיטן גרויס מיט קליין אינג מיט אלט.

**(כ"א כסלו תשס"ד)**

⋆ ⋆ ⋆

בנוגע שמירת עינים וואס איז ליידער נפרץ דורך כלים שונים ומשונים וואס יעדער איינער ווייסט דערפון, דאס איז א אלטע זאך דער פראבלעם פון קאמפיוטער'ס און די ווידיא'ס, דער טעכניק שטייט נישט ס'גייט פאראויס מיט א מורא'דיגן אופן, לעצטענס איז אפירגעקומען כלים דורך די סעליולער טעלעפאנען, דער נייע מאדעל האט אויפן טעלעפען א סקרין ווי ס'ווייזט בילדער, און ליידער לייזט פאבריצירט דארט די קאמפאני בילדער אויף זייער א אויסגעלאסענע אופן, מען דארף האבן א געוואלדיגע השגחה אויף זיך און אויף די בני בית, דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין אויף דעם, מען זאל וויסן דאס איז נישט קיין חומרות, ס'איז נישט קיין פרומענישן, און ס'איז נישט

קיין מילי דחסידא, נאר דאס איז גופי תורה און איסורים חמורים, ס'איז דא א לאו אין די תורה פון "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם", און דאס איז א לאו פונקט ווי א אנדערע לאו, השי"ת זאל אונז העלפן מען זאל קענען זיין אפגעהיטן, ווייל די נסיונות ווערן דאך ליידער גרעסער און שטערקער פון טאג צו טאג.

**(כ"ו אב תשס"ג)**

★ ★ ★

מה אומר ומה אדבר, מען מוז רעדן ברבים פון דעם ענין, ס'איז געווען ביי מיר די וואך אינגעלייט - געוועגליך קומען אריף עסקנים וואס זענען עוסק אין א מצוה, עסקנים וואס זענען עוסק אין צניעות וקדושה, זיי האבן א געפיל צו דעם, דאס איז עוסקים במלאכת הקודש, ס'איז דא דאהי טייערע אידן וואס זענען עוסק אין דעם, און ס'איז דא אין אנדערע מקומות אויך, יעצט איז אבער געווען א אנדערע חבריא, ס'זענען געווען ביי מיר אין שטוב אינגעלייט - ארבעטער'ס וואס זייער פאך איז אין קאמפיוטער, זיי זענען קאמפיוטער מעכאניקער'ס וואס אויב עס צובערעכט זיך אזא כלי פארעכטן זיי, און דאס איז זייער פרנסה.

זענען אריבער געקומען צו מיר א גאנצע חברותא בנוגע דעם ענין, און זיי האבן פארציילט אז זיי גייען ארום פארעכטן די כלים אין די אפיסעס און איבעראל, און היינט איז נישטא קיין שום ביזנעס קיין שום אפיס וואס האט נישט קיין קאמפיוטער, אן א קאמפיוטער מיינט מען - צו מען ווייסט צו מען פארשטייט - אז קען מען נישט זיין אין געשעפט, מיט דעם איז מען צוגעבינדן דורכן אינטערנעט צו די גאנצע וועלט - די טריפה'נע טמא'נע אינטערנעט. האבן זיי מיר פארציילט - ס'איז זייער פרנסה און מען מעג גלייבן אן אומן - מען רופט זיי אריין אז ס'ארבעט נישט די קאמפיוטער, גייען זיי אריין אין די כלי לפני ולפנים, אין מח פונעם כלי, און זיי זעען ווי דער בעל כלי איז אלץ אנגעקומען, האבן זיי מיר געזאגט זיי גייען פון פעקטארי צו פעקטארי פון אפיס צו אפיס, רחמנא ליצלן אין וואסערע מקומות מטונפות מען איז אנגעקומען מיט די כלי, ליידער אידן ווערן נכשל!, יצרא דעריות איז גרויס באופן נורא ואיום!, זיי האבן מיר געזאגט איך זאל וויסן דאס מיינט מען פון קליין ביז גרויס, אינגעלייט און אפילו עלטערע אידן זקנים באו בשנים, און אפילו תלמידי חכמים מרביצי תורה מחברי ספרים, רחמנא ליצלן זענען געווען דורכן אינטערנעט מקושר צו די ארגסטע פלעצער!, און ווי חז"ל זאגן אין אפוטרופוס לעריות.

ס'איז באקאנט דאס ווארט פון פעטער ז"ל וואס ער האט געזאגט אויף א ענליכע זאך, איינער האט איהם געזאגט "אז מען וויל זעהן קען מען זעהן", האט ער געענטפערט "אז מען וויל זעהן קען מען זעהן, און אז מען קען זעהן וויל מען זעהן, און מען זעהט".

ס'איז דא א ספר חסידים (סי' קע"ג) וואס זאגט קלאר ארויס, דער כח פונעם יצה"ר איז בין בזקן בין בחור, סיי ביי א אלטער מענטש און סיי ביי א יונגער מענטש, די תאוה פון קוקן וואס מען טאר נישט. אזוי ווייט - זאגט דער ספר חסידים - ואף אם יחפוץ לעצום עיניו, אפילו ער וויל זיך צומאכן די אויגן קען ער שוין נישט, ממש ער וועט קוקן בעל כרחך, עס ברענט ווי א פייער!, מען קען עס פון די מחשבה נישט ארויסנעמען.

האבן זיי מיר געזאגט ס'איז נישט געווען איינער, ס'איז געווען מערערע, מען זאל וויסן ווער עס האט די כלי מחובר מיטן אינטערנעט, יהיה מי שיהיה, אין איינע פון די טעג, אדער איז ער שוין נכשל געווארן, בלי יוצא מן הכלל!, אדער האלט ער אויפן וועג!, אזוי איז דאס, הן אנשין והן נשים.

חוץ מזה איז דא א צווייטע צרה, מיט די אינטערנעט איז מען מקושר, מען ווערט צו דעם צוגעבינדן אויף שעות ארוכות, און ס'איז מזיק פארן גוף פארן נפש און פארן ממון, ס'איז מבלבל דעם קאפ אז דער קאפ איז נישט דערביי נארמאל צו קיין שום זאך נישט.

יעדער טאטע לייגט אריין געוואלדיגע כוחות אין די קינדער, מען צאלט שכר לימוד, מען לאזט זיך קאסטן, מען צאלט צו די קינדער זאלן לערנען פריוואט, קינדער שטייגן אויס, בחורים, באמת ס'איז דא גוטער חינוך, טאטעס זענען מחנך ערליכע קינדער ערליכע בחורים, מען מאכט זיי חתונה צו א אשה כשרה וצנועה, דער טאטע איז גליקליך, און ער דארף טאקע זיין גליקליך, דער אייבערשטער זאל איהם העלפן ער זאל בלייבן גליקליך, מען זעהט שוין נחת, דער אייבערשטער העלפט יברכך ה' בבנים ובבנות, ס'קומט אריין די ברכה, און דער אינגערמאן גייט נאכדעם זוכן פרנסה, היינט צוטאג ווי מען ארבעט, און סיי וועלכן אפיס און מסחר, איבעראל געפונט זיך די כלי. דארף יעדער טאטע וויסן, אז זיין זוהן ארבעט ביי אזא מאשין, אדער איז ער ל"ע שוין נכשל געווארן, און ער איז שוין ל"ע אין שאול תחתית רחמנא ליצלן!, אדער איז ער אויפן וועג, ה' ירחם!.

איך זאג עס צובראכן, מיין הארץ איז צובראכן אויף שברי שברים פונעם מצב, דער מצב אין נורא ואיום, מען זאל וויסן אז דאס גאנצע אידישקייט גייט לטמיון, דאס זענען די דורות!.

חוץ מזה איז דא א צווייטער פראבלעם מיטן אינטערנעט, דארט טוען זיך פארבינדן אנשים מיט נשים, און אלעס גייט אזוי בסתר באין רואה, מיט אזא אי מעיל דורכן קאמפיוטער, און קיין נברא אויף דער וועלט - אויסער דער הייליגער באשעפער - ווייסט נישט, די תוצאות פון דעם איז רחמנא ליצלן, מען קען עס אויפן מויל נישט ארויסברענגען וואס ס'פאסירט - נישט וואס ס'קען פאסירן, נאר וואס עס פאסירט!. דאס איז דער היום אומר לו עשה כך ומחר אומר לו עשה כך. ליידער רבים חללים הפילה!, בגשמיות וברוחניות!, ס'האט שוין געברענגט גיטין און עגמת נפש אן א שיעור!.

עס ליגט א גרויסע אחריות אויף די בעלי בתים פון די בתי מסחר און פון די אפיסעס, צו טוהן א פעולה לטובה, ולא תשים דמים בביתך!, ולא תביא תועבה אל ביתך!, זיי זאלן חס זיין אויף זייער אייגענע נשמה!, אויף די נשמה פון זייערע קינדער!, און אויף די נשמה פון זייערע ארבעטער'ס!.

מען האט אויסגעדרוקט דעם ווייטאג פון דעם ענין, ס'איז אבער דא א הצלה פורתא צו דעם פראבלעם, ס'איז אויפגעשטאנען א פירמע וואס זיפט א דורך וואס ס'קומט אריין אינעם אינטערנעט, ס'זיפט אדורך מיט א פילטער ס'זאל נישט אריינקומען די זוהמא, די טמא'נע זוהמא פון אמעריקא זאל נישט אריינקומען אין א אידישע הויז אין א אידישע פאבריק!, ס'הייסט "דזשעי נעט" ס'איז נאך נישט דער תיקון השלם, אבער עפעס א תיקון, וויל איך זאגן דא ברבים, עס ליגט א חוב אויף יעדן איינעם וואס האט דאס אין זיין געשעפט,

ארויפצולייגן דעם פילטער אויף די כלי, דער אייבערשטער זאל העלפן מען זאל דאס קענען מאכן בעסער און בעסער.

זאג איך דא פארן גאנצן ציבור, חוסו על נפשכם ועל נפש צאצאיכם און אויף נפשות פון כלל ישראל, איך זאג עס בתורת בקשה!, בתורת אזהרה!, ובתורת פסק דין!, מען טאר נישט האלטן די כלי אין געשעפט - יהיה מה שיהיה אין סיי וועלכע געשעפט - אן אזא פילטער!, נישט קיין נפקא מינה א עלטערע איד א אינגערמאן הן אנשים און הן נשים, און איך האף אז אלע בני קהלתינו והסרים למשמעתינו וועלן צוהערן וואס מען האט דא געזאגט.

און איך וויל בעטן אלע עלטערן, זאלן אויפפאדערן זייערע קינדער אויף דעם, און איך וויל אויך בעטן יעדער איד וואס ער האנדלט און ער באקומט א מודעה פון א קאמפאני - די בעלי בתים פארשטייען בעסער ווי אזוי דאס גייט צו - און מען קען זען אויף די מעסעדזש וואס מען שיקט איין קאמפאני צו די צווייטע צו מען האט דעם פילטער אדער נישט, ווער ס'באקומט א מעסעדזש פון א צווייטן איד זאל ער קוקן אויב ער האט דעם פילטער, און אויב נישט זאל ער איהם אנרופן און ער זאל איהם פרעגן אַיֶכָּה!, ווי ביסטו!, ווי געפינסטו דיך!, פארוואס האסטו נישט רחמנות אויף דיין נשמה!, און אויב וועט מען נישט שרייען אַיֶכָּה וועט ער קענען אויף איהם קלאגן אֵיכָה, ווייל ליידער לייגט זייער אסאך ווערן פארפאלן.

ס'איז דא פארשידענע מענטשן וואס מען פרעגט זיי פארוואס האסטו נישט דאס, וועלן זיי ענטפערן תירוצים מתירוצים שונים, בדרך כלל איז דאס ליגנט! - אוודאי יעדע זאך איז דא א יוצא מן הכלל - ער וויל נישט!, ווייל ער וויל נישט האבן דעם פילטער!, ווייל דער יצר הרע לאזט איהם נישט!, דער יצר הרע שלעפט איהם אין שאול תחתית!, און ער וויל נישט ס'זאל זיין א פילטער!, ליידער האט ער טועם געווען דעם טעם חטא!, און ער וויל נישט און ער קען זיך נישט אפשיידן!, ה' ירחם.

איך וויל בעטן יעדן איינעם, כל מי שיראת ה' נוגע ללבו, ווער ס'האט א פינטעלע יראת שמים, זאל צוהעלפן איינער דעם צווייטן, מען זאל זען ווי ס'איז דא די כלי, מען זאל עס פילטערן, מען זאל דאס נישט אזוי ארײנלאזן אין אידישע הייזער.

און השי"ת זאל אראפשיקן א רוח טהרה ממרום, מען זאל זוכה זיין אז מען זאל קענען עומד זיין אין די שווערע נסיונות, אידן מאכן מיט נסיונות יעדן טאג, ממש אזוי ווי יוסף הצדיק בשעתו, זאל אונז דער אייבערשטער העלפן אז מיר זאלן זוכה זיין מעמיד צו זיין דורות ישרים ומבורכים, און מען זאל זיי קענען מגדל זיין און מחנך זיין צו תורה ויראת שמים, מתוך נחת ושמחה, אפילו אין אמעריקא.

**(כ"ו אב תשס"ה)**

★ ★ ★

אבער ביתר שאת דארף מען מתריע זיין און באווײנען די גרויסע מכה, די גרויסע מכשול פון די קאמפיוטערס, היינט צוטאג אין יעדן בית מסחר, אין יעדע געשעפט אין יעדע געוועלב אין יעדע קאמפאני איז דא א קאמפיוטער, ס'איז אבער ליידער נישט נאר אין געשעפט נאר אויך אינדערהיים, מיט א תירוץ אז מען דארף עס פאר די פרנסה, דער יצה"ר שטייט דאך

נישט, און צום סוף שלעפט אים דער יצה"ר נישט נאר פאר ענינים וואס איז נוגע צום געשעפט, נאר צו אנדערע ענינים אויך, פונעם היתר ברענגט ער אים צום איסור, און דער איסור איז ראיות אסורות ממש באופן גרוע, און ליידער ליידער זייער אסאך זענען שוין אריינגעפאלן אין שאול תחתית ממש, מען דארף עס באוויינען טאג און נאכט די חללים וואס איז געפאלן פון כלל ישראל דורך די כלי.

ס'איז היינט געווארן א נייע קולא, מען קוקט נייעס, ס'איז אזוי צוגעשטעלט מען געט א קוועטש מיטן קנעפל און מען קען מיטהאלטן די נייעס, א איד איז זיך מיר געקומען אפרעדן, זיין אינגל גייט אין חדר, און א אינגל אין חדר האט פארציילט פאר זיין אינגל, אז ער האט געזען די גאנצע מעשה - אין אינדיע איז דאך געווען א איבערקערעניש ווייסט דאך יעדער איינער, ס'האט נעבעך ליידער געקאסט אידישע נפשות, האט דער אינגל פארציילט אין חדר אז - דער פאטער האט אים געוויזן, די גאנצע משפחה האט מיטגעהאלטן אויפן קאמפיוטער די גאנצע געשעעניש, און ער פארציילט עס אזוי וואס ער האט אלס געזען.

איך וויל זאגן פאר דעם איד, איך ווייס נישט ווער ער איז, איך ווייס נישט צו ער איז יא דא צו ער איז נישט דא, אבער אולי איז ער דא, און אולי וועט ער הערן מיינע ווערטער, איך וויל אים זאגן, דו ביסט מחנך דיין קינד צום קאמפיוטער, ביסט מחנך דיין קינד ער זאל וועלן זען אויפן קאמפיוטער די אינטערעסאנטע נייעס, דו מיינסט דיין קינד וועט נאר קוקן וויפיל דו ווילסט און וויפיל דו ערלויבסט אים, זאלסט וויסן אז דיין קינד איז יעצט שוין קלוגער פון דיר, און ער וועט נאך זיין אין עתיד נאך קלוגער, און ער וועט אליין וויסן ווי אזוי זיך צו באנוצן מיטן קאמפיוטער, ווען דו ווילסט און ווען דו ווילסט נישט, דו ביסט מחנך דיין קינד לכל דבר רע, לכל מרעין בישין.

מיט א קוועטש אויפן קנעפל מאכסטו פון דיין קאמפיוטער א טעלעוויזשאן, א ריכטיגע טעלעוויזשאן, ווייל די נייעס אויפן קאמפיוטער זעט מען ווען מען טוט זיך צובינדן צו איינע פון די סטאנציעס פון די טעלעוויזשאן, ווען דו זיצט ביים קאמפיוטער זאלסטו וויסן דו קוקסט יעצט טעלעוויזשאן.

איך וויל איבערזאגן דברי אלקים חיים, וואס דער פעטער ז"ל האט געזאגט הושענא רבה תשט"ו אין די דרשה, און ער האט גערעדט איבער די טמא'נע כלי פון טעלעוויזשאן, האט ער געזאגט בזה"ל:

ווער האט זיך געקענט אויסמאלן אין פריערדיגן דור אז ס'וועט זיין אמאל אזא חציפות, אז ס'וועט א טייליוויזשאן אויף די וועלט, און ס'וועלן זיך טרעפן אידן וואס האבן זיך נאכנישט געשמד'ט און זיי נעמען דאס אויך אין שטוב אריין, ביטער און זויער, אוי ווי. איך האב שוין דאס געזאגט ווען דאס וואלט ווען געווען אין די פריערדיגע דורות, העט מען ווען אויסגעשלאסן אזא הויז מזרע ישראל, ס'איז בעוה"ר אלעס, עבודה זרה מיט גילוי עריות, און ס'איז גארנישט מעגליך מען זאל א גוטן סוף האבן, מען קען גארנישט בלייבן א איד, דאס איז די גאנצע, ס'איז נישט פארהאנען נאך אזא חציפות, עד כאן לשונו וואס ער האט געזאגט אין א דרשה תשט"ו הושענא רבה.

די וועלט זייט דעמאלטס איז נישט בעסער געווארן, נישט די גויא'ישע וועלט און נישט די אידישע וועלט, נאר ס'איז נאך סאך ערגער געווארן, ליידער לויידער מען האט דעם קאמפיוטער, און מען מאכט עס מעת לעת פאר א טעלעוויזשאן, מען זאל וויסן דער וואס האלט מיט די נייעס אויף די טעלעוויזשאן המכונה קאמפיוטער, אז ער איז נכלל בכלל די אלע שארפע ווערטער וואס מיר האבן פריער נאכגעזאגט, און ווי אזוי כאפט אים נישט אן א מורא אין א פחד, דאס איז דער רוח הזמן, מנהגי אמעריקא, מען מוז האבן אזא כלי, די מנהגי אמעריקא קומט אריין לויידער אין אונזער מחנה, מען דארף מאכן געוואלדיגע גדרים וסייגים, מען דארף אהערשטעלן א חומה בצורה אפצוהיטן כרם בית ישראל.

איך וויל זאגן פארן ציבור, מען דארף וויסן קלאר, א קאמפיוטער אין שטוב איז בבל יראה ובבל ימצא, ס'איז א חורבן פאר אים און פאר זיינע קינדער, אפילו אין געשעפט דארף מען האבן א פילטער אויפן קאמפיוטער, מען קען הייגט האבן, ס'איז דא וואס שטעלן דאס צו, און דאס איז א חק ולא יעבור, מען טאר נישט האבן אייז טאג די קאמפיוטער אן א פילטער, דאס איז א שמירה פאר אים ער זאל חלילה נישט אנקומען אין שאול תחתית ר"ל, ווען מען באנוצט זיך מיטן קאמפיוטער איז עס נאר וואס איז צורך המסחר, און נישט מיטצוהאלטן די נייעס מיטן קאמפיוטער.

(דרשה כ"א כסלו תשס"ט)

★ ★ ★

מען ברענגט אריין אין שטוב אלע טמא'נע כלים, מען דארף זיי נישט אנרופן ביי די נעמען, ווייל יעדער איינער ווייסט פון וועלכע כלים מען רעדט, און מען ווייזט פאר די קינדער אלע מיני שפילן, זאכן וואס איז אסור בתכלית האיסור, און דאס קוקן די עלטערן, הם ונשיהם וטפם, און זיי זענען זיך נישט משים אל הלב, די חורבן וואס זיי טוען מיט זייערע קינדער.

מען ברענגט אריין אין שטוב אריין אלע מיני צייטונגען און מאגאזינען, אלע מיני גוא'ישקייטן ברענגט מען צו זיך אהיים.

די פנים פלאמט פאר בושה, מען האט דאך שוין אזויפיל געווארנט, מען האט שוין אזויפיל גערעדט, און מען האט שוין אזויפיל פרובירט מסביר צו זיין די שעדליכקייט פון די ענינים, וואס דאס שאדט פאר אינג, און ס'שאדט פאר אלט, ס'שאדט פאר די משפחה, און ס'שאדט פאר די שכנים, און פאר די חברים צו די חבר'טעס, און דאך זענען נאך דא אויבער חכמים וואס ברענגן דאס אריין צו זיך אין שטוב אריין.

מען מוז ארויסברענגן דעם ווייטאג, ס'איז דא א פירמע וואס לייגט ארויף א פילטער אויף די קאמפיוטער'ס, מען קען עס האבן, ס'איז נישט צו טייער, און ס'פילטערט. מען דארף האבן א קאמפיוטער אין מסחר, און מען קען לייגן א פילטער וואס זאל נישט דורכלאזן די אומריינע זאכן. ס'איז דא מענטשן בעלי אחריות וואס האבן דאס, און מען דארף ארויסברענגן אין שבח פון דא אין קרית יואל – וואס די בעלי בתים פון די פירמא זאגן, אז די גרעסטע פראצענט פון אידן וואס האבן דעם פילטער איז דא אין קרית יואל. אין שטאט וואוינט סאך א גרעסערע ציבור פון דאהי, און איך שעם מיך צו זאגן אז דאהי איז דא א

גרעסערע ציבור וואס האבן דעם פילטער ווי אין שטאט, פאר קרית יואל איז דאס אפשר א שבח, אבער פאר די שטאט איז עס נישט אזא שבח.

באמת איז נורא נוראות, מען קען נישט פארשטיין ווי אזוי א איד וואס לייענט צוויי מאל א טאג קריאת שמע, און ער זאגט "ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם" זאל דאס האבן ביי זיך אין טאש - די טעכניק איז שוין אזוי צוגעשטעלט היינט מיט קליינע מאשינדלעך וואס מען טראגט ארום אין טאש - מען קען עס האבן מיט א פילטער און מען קען עס האבן אן א פילטער, און מען האט די מאשינדלעך אן א פילטער.

ס'איז באקאנט די גמרא אין בבא בתרא (דף נז:) אי איכא דרכא אחריתא רשע הוא, איז מען א רשע.

מורי ורבותי! ס'איז דא א דרכא אחרינא!.

מען גייט נישט געבן א היתר אויף די כלי, אבער דער וואס האט עס שוין, צו ער דארף עס האבן, אדער ער רעדט זיך איין אז ער דארף עס האבן, זאל וויסן אז מען קען האבן די כלי מיט א פילטער, און ווי אזוי קען זיך דער יצה"ר אזוי מתגבר זיין, מען טראגט עס ארום אין טאש, און מען האט עס בכל עת ובכל זמן.

ליידער דער יצר הרע איז שטערקער ווי דער מענטש, א מענטש איז נאר א מענטש, און אז מען האט נישט קיין פילטער פאלט מען רח"ל אדורך.

מיר בעטן זיך בתחנונים פאר יעדן איינעם, ווער ס'האט די כלי, חוסו על נפשיכם, האט רחמנות אויף זיך אליין, האט רחמנות אויף אייערע קינדער, כי נפש הוא חובל, אסאך אידן האבן שוין נעבעך דערלייגט, אסאך אידן האבן זיך שוין ביטער אפגעבריט, און דאך זענען דא וואס ווילן נישט פארשטיין.

**(כ"ו אב תשס"ט)**

★ ★ ★

שטייט אין ספרים (תפארת שלמה פ' חיי) איה הקדישה, ווי קען מען צוקומען צו קדושה, היא בעינים על הדרך, דאס איז דורך היטן די אויגן ווען מען גייט ארום אויפן וועג, דארט ליגט די קדושה פון א איד.

אלו"ל איז ראשי תיבות א'נו ל'י-ה ו'עינינו ל'י-ה, אלול איז א זמן פון וחשב עם קונהו, מען דארף זיך בארעכענען וואס מען האט חוטא געווען א גאנץ יאר.

קען זיין א רמז א'נו ל'י-ה ו'עינינו ל'י-ה, דער פעטער ז"ל אין דברי יואל (יו"כ עמוד שלד) זאגט אין א דרשה דעם הייליגן אויפדערנאכט, אויפן פסוק (תהלים קיט קלה) פלגי מים ירדו עיני, ס'וואלט געדארפט שטיין ירדו מעיני, ס'פליסט פון די אויגן. זאגט ער פלגי מים, מען פארגיסט פלגי מים, ווייל ירדו עיני, די אויגן האבן געהאט א ירידה, די אויגן זענען נעבעך זייער געפאלן, און דערפאר פלגי מים ירדו עיני. און דאס איז די ראשית תיבות פון אלו"ל, א'נו ל'י-ה, אונז באלאנג מיר צו השי"ת, ו'עינינו ל'י-ה, די אויגן דארפן זיין לי-ה, מען דארף זען אויפצוהייבן די אויגן.

מען דארף האבן הייליגע אויגן ערליכע אויגן. ליידער מיר לעבן אין א פארדארבענע וועלט, וואס די אויגן האבן נעבעך א ירידה טאג נאך טאג, פלגי מים ירדו עיני, אונז דארף מיר זען

אין חודש אלול - וואס איז נאך פארבליבן, שוין נישט קיין סאך פארבליבן - אנו לי-ה ועינינו לי-ה.

איך וויל נאכאמאל מעורר זיין, ביי דעם איז כיון שהגיד איז חוזר ומגיד, מען מוז מעורר זיין אידישע קינדער, ווייל די פגם פון די עינים איז מורא'דיג, ליידער די כלי וואס קומט אריין אין אידישע פאבריקן, אין אידישע אפיסעס, אין אידישע הייזער, פלגי מים ירדו עיני, די אויגן האבן נעבעך א ירידה, ביי גרויס און ביי קליין, ס'לאזט נעבעך קיינעם נישט אויס.

אז מען האט די כלים אין שטוב, איז מען נישט בעל הבית אויף זיך, דער יצה"ר ווערט בעה"ב אויפן מענטש, און ער פירט דעם מענטש כאוות נפשו, אזוי ער וויל.

מיר דארפן זען צו טון פעולות, אלול איז א זמן פון תשובה, מען דארף זאגן מה דהוה הוה, אפילו איך האב עס געהאט ביז היינט, אבער מכאן ואילך חושבנא, פון יעצט אן מאך איך מיר א חשבון הנפש.

מורי ורבותי! ווען ס'איז איכא דרכא אחרינא, איז מען א רשע!, ס'איז דא א דרכא אחרינא אפילו ווער ס'מוז עס האבן פאר מסחר, מען קען ארויפלייגן אביסל א פילטער, אביסל מסנן זיין, ס'זאל נישט זיין אזוי ווייט די ירידה פון די עינים.

לאמיר זען אין די צייט, ס'איז יעצט ערב די הייליגע טעג, איך וויל בעטן דא, ס'איז אראפגעקומען דא איינער וואס קען אביסל פילטערן, די אלע אידן וואס האבן דאס אין בית המסחר, איז דא ביי די האנט, וואס מען קען זיך איינשרייבן צו זויבערן די שטוב, זויבערן די פאבריק, זויבערן דעם ארבעטס פלאץ דעם אפיס, ס'זאל נישט זיין נעבעך אזא גרויסע ירידה.

מס' יומא הייבט זיך אן מיט די משנה, שבעת ימים קודם יום הכיפורים האט מען מפריש געווען דעם כהן גדול פון יעדע טומאה, יעדער איינער ווייסט וואס מען האט געטון געוואלדיגע פעולות אז דער כהן גדול זאל זיין בקדושה ובטהרה, מען האט אים נישט געלאזט שלאפן דעם הייליגן אויפדערנאכט - מען וועט אי"ה אדורכלערנען די מסכת - כדי ער זאל זיין בקדושה ובטהרה, וואסערע געוואלדיגע פעולות מען האט געדארפט טון פארן כהן גדול נאכדעם וואס מען האט אים מפריש געווען מביתו ז' ימים, וואס ער איז געווען אין לשכת פרהדרין צווישן די כהנים צווישן די סנהדרין די בני עלי', האט ער נאך אלס געדארפט האבן א שמירה יתירה ער זאל זיין בקדושה ובטהרה.

וואס זאל מיר אונז זאגן פאר פשוטי עם וואס דרייען זיך ארום בשווקים וברחובות, ווי מען דארף האבן די געוואלדיגע שמירה.

און דאס איז די קישור פון מס' מכות צו התחלת מס' יומא, מיר האבן געלערנט די גמרא פארציילט, ווי די הייליגע תנאים זענען געגאנגען און האבן געזען דעם מקום המקדש איז חרוב, און זיי האבן געוויינט אויפן חורבן ביהמ"ק, דער זיידע ז"ל אין ייטב פנים אין די תורות פון שלש עשרה מדות זאגט אז דער ביהמ"ק איז חרוב געווארן צוליב דעם וואס מען האט זיך נישט געהיטן די אויגן, דער פגם פון שמירת עינים דאס האט גורם געווען דעם חורבן ביהמ"ק.

די הייליגע תנאים האבן געזען דעם חורבן ביהמ"ק, זיי האבן געזען די עונות וואס האט געברענגט דעם חורבן ביהמ"ק, התחילו לבכות, אויף דעם האבן זיי געוויינט און פארגאסן טרערן, פלגי מים ירדו עיני, אויף די ירידת עינים וואס דאס האט גורם געווען דער חורבן, און אויף דעם האבן זיי פארגאסן טרערן. אוודאי זיי האבן נישט חוטא געווען, אבער זיי האבן געוויינט און פארגאסן טרערן אויף די עונות פון כלל ישראל.

אשרי העם יודעי תרועה ה' באור פני"ך יהלכון, די עבירות זענען אויפן פנים, ערליכע אידן זכי ראות האבן דאס געקענט אפליינען אויפן פנים אז מען האט זיך נישט אויפגעפירט ערליך, פון דעם חטא בלייבט א רושם אויפן פנים.

עכ"פ לימוד התורה דאס איז א שמירה מעולה, ס'איז א שמירה אויפן עתיד, א שמירה אויפן הוה, און א כפרה אויפן עבר, אזוי ווי ס'שטייט די וואך פון בעלזער רב ז"ל (מהרי"ד) ער טייטשט אויס דעם פסוק, לקוח את ספר התורה הזה ושמתם אותו מצד ארון ברית ה', זאגט רש"י נחלקו בו מרבותינו בבבא בתרא, יש אומרים דף היה, ס'איז געווען א ברעט, און דארט איז געווען די ספר תורה, ויש אומרים מצד הלוחות היה מונח בתוך הארון, זאגט דער בעלזער רב ז"ל דער תיקון החטא איז פ"ד תעניתים, אזוי שטייט אין ספרי קודש, יעדע מאל וואס מען איז נעבעך נכשל געווען אין די עבירה, דארף מען פאסטן פ"ד תעניתים מתקן צו זיין דעם פגם החטא די כתמי הנפש, ווייל מיר געפונען ביי יעקב אבינו ער איז געווען פ"ד שנה און ער האט געזאגט כוחי וראשית אוני. זאגט ער דאס איז געווען אמאליגע דורות, אין די היינטיגע שוואכע דורות וואס איז דער תיקון, לערנען תורה און מגדל זיין די קינדער צו תלמוד תורה. זאגט דער בעלזער רב דאס מיינט רש"י, נחלקו רבותינו בבב"א בתר"א, אין די לעצטע דורות בזמן האחרון, יש אומרים ד"ף היה, אז מען דארף האבן פ"ד תעניתים, ויש אומרים אז מען דארף נישט אזוי מחמיר זיין, נאר אצל הלוחות היה מונח, דער תיקון ליגט ביי די לוחות, ביי די תורה הקדושה, דורך לערנען תורה.

אין חודש אלול ווען מען איז מרבה אין סליחות, מען איז מרבה אין תשובה, מען איז מרבה אין תיקוני תשובה, איז דער תיקון התשובה תורה, און דורך לימוד התורה איז א'נו ל'י-ה ו'עינינו ל'י-ה, ראשי תיבות אלו"ל, דורך די תורה איז מען מתקן די פגם העינים.

**(סיום מס' מכות ג' נצר"י תשס"ט)**

★ ★ ★

ליידער די כלים נעמען זייער חשובע אינגעלייט, הן אנשים און הן אין עזרת נשים, וואס באמת האבן זיי געהאט אין זיך תמימות און יראת שמים און ערליכקייט, און דאס ברענגט אריין אזא מין טומאה, ס'איז מטמא גרויס און ס'איז מטמא קליין.

מורי ורבותי, ס'איז נישטא קיין עד אחד אויף דעם, ס'איז ליידער דא זייער אסאך עדות, זייער אסאך קרבנות, זייער אסאך עדות אויף דעם נטמאו טהרותיך, אז די טהור'ע נשמות זענען נעבעך טמא געווארן, ס'איז געווארן פיגול לא ירצה, ס'איז נעבעך נתפגלו, די געוואלדיגע טומאה וואס דאס האט אריינגעברענגט און מטמא געווען די נשמה באופן נורא ואיום.

איך וויל בעטן די בעלי המסחר, די בעלי בתים, די וואס האבן ביזנעסער מיט מערערע ארבעטער, און די ארבעטער ארבעטן ביי די מאשינען - ווי מען רופט עס - די קאמפיוטער, א קאמפיוטער איז א וויכטיגע זאך, אין מסחר איז דאס הייגט די כלי מיט וואס מען ארבעט, אבער דער ארבעטער האט די כלי ביי זיך, און ער האט צוטריט איבעראל, איך וויל זאגן פאר די בעלי בתים צוויי זאכן, בגשמיות וברוחניות. בגשמיות, ס'שלעפט אים אוועק די צייט - ווער ס'ווייסט - דאס האט אזא מין כח המושך אז ס'גייט אוועק אסאך שעות לבטלה, און דער בעל הבית צאלט אויף דעם, און דאס איז פראקטיש בגשמיות.

אבער אויך ברוחניות, ס'שלעפט נעבעך אוועק אין זייער אסאך אומריינע פלעצער, אמאל אויף א מינוט, און אמאל אויף צען מינוט, און צען מינוט איז אויך זייער אסאך, און אמאל אויף נאך לענגער, דער אייבערשטער זאל אפהיטן.

דער בעל הבית איז באחריות אין זיין געשעפט - אפילו דער ארבעטער איז א בעל בחירה - ער שטעלט אים צו די כלי, און ס'איז דא א עצה, מען קען ארויפלייגן א עין פקיחא, איך וויל בעטן יעדער בעל הבית וואס האט פועלים ער זאל ארויפלייגן אויף די כלים א עין פקיחא, וואס ער קען נאכקוקן ווי מען קריכט און ווי מען גייט, ס'זאל זיין אימת רבו עליו, ער זאל וויסן אז ער קען אים ווייזן, דארט און דארט ביסטו געווען, ס'איז נישט אזא טייערע זאך, און א בעל הבית וואס האט יראת שמים און ער וויל נישט קאליע מאכן זיינע ארבעטער, זאל עס זען צו האבן.

**(דרשת שבת שובה תש"ע)**

★ ★ ★

כ'האב געוואלט דא ארויס ברענגען נאך אן ענין, דער פסוק זאגט אך ביום הראשון תשביתו שאור מבתיכם, שאור אין די היינטיגע צייטן מיינט מען דעם כלי וואס הייסט קאמפיוטער, ס'איז שוין היינט באקאנט, מען דארף נישט צופיל זאגן, יעדער איינער ווייסט, אז ליידער רבים חללים הפילה. אבער איך האב געוואלט ארויסברענגען איין נקודה, ב"ה אונז וואוין מיר אין א הייליגע שטאט, דא וואוינען יראים ושלמים, ערליכע אידן, אידן וואס זענען מדקדק בקלה כבחמורה, מען דארף דאס נישט זאגן פאר יעדן וואס וואוינט דא, יעדער ווייסט וואס עס מיינט קרית יואל, א הייליג שטאט.

מיר זענען לעצטענס געזעסן אויף אן אסיפה די ועד החינוך פון די תלמוד תורה און די ועד החינוך פון בית רחל, עס איז דא א פראבלעם, עס איז דא קינדער וואס האבן א צוטריט צו א קאפיוטער, און דאס שאדט נישט נאר פאר דעם קינד אליין, נאר אויך פאר די שכנים, פאר די חברים. עס איז געקומען א פארלאנג פון עלטערן, ערליכע עלטערן, זיי זאגן אז זיי זענען אפגעהיטן, ביי זיי אין שטוב האבן די קינדער ב"ה נישט קיין צוטריט צו א קאמפיוטער, זאגן זיי אז זיי ווילן נישט אז זייערע קינדער - וואס גייען אין חדר אדער אין סקול - זאלן זיך חבר'ן מיט איינער וואס האט יא צוטריט, ב"ה ביי אונז אין בית רחל לערנט מען נישט קיין קאמפיוטער, ווייל די עלטערן פארלאנגען דאס, און די זעלבע בעטן די עלטערן אויך דאס. וויל איך דא מזהיר זיין, איינמאל און נאכאמאל, מען זאל

וויסן אז מען דארף משבית זיין דעם שאור פון די הייזער, ווייל דאס שאדט נישט נאר פאר דעם קינד אליין, נאר אויך פאר זיינע חברים וכדומה.

עס קומט א יומא דפגרא, ווי למשל א מוצאי שבת חנוכה, עס קומען זיך צוזאם די גאנצע משפחה, א זיידע מיט די קינדער און אייניקלעך, און דער זיידע האט א קאמפיוטער, און מען לייגט אריין צו ווייזן א שפיל, א כשר'ע שפיל, מען קען אפילו ווייזן פון א רבי'שע חתונה אדער א רבי'שע טיש, דאס איז טומאה על טהרת הקודש, דער זיידע האט מיט דעם מקיים געווען למען תספר באזני בנך ובן בנך, קוק ווי בא'טעמ'ט דער קאמפיוטער איז, דער זיידע ווייסט אבער נישט, אז דער קינד וועט שוין קוקן ווען דער זיידע זעט נישט, ער איז מער רעפינירט פון אים, ער ווייסט שוין יעצט אריינצולייגן וואס ער וויל, ער מיינט ער האט געגעבן הנאה פאר די משפחה, ער ווייסט אבער נישט וועלכע קינד וועלכע אייניקל ער האט יעצט פארדארבן, און וועלכע קינד'ס חבר ער האט פארדארבן.

לאמיר זיך פארשטעלן א משל, א טאטע זאל זאגן פאר די קינדער - אונז וואוין מיר ב"ה אין קרית יואל אינדרויסן פון די שטאט - וועט א טאטע זאגן פאר זיינע קינדער, קומטס, איך וויל ענק אויסלערנען דעם וועג קיין מאנהעטן, מען וועט פארן אויף מאנהעטן אזוי אז עטץ זאלטס וויסן דעם וועג, כדי אז לעת מצוא ווען מען וועט וועלן זאל מען זיך אמאל קענען אוועקכאפן, היש לך טפשות גדול מזה, אז דער קינד וועט שוין אליין וויסן וויאזוי צו פארן, וועט ער שוין וויסן אליין ווי צו גיין, נישט נאר צו די גאס נאר אויך צו יענע גאס וכדומה, רבותי דער קאמפיוטער דאס איז מאנהעטן, קאנצעטרירט אין די קליינע כלי, מען דארף נישט צו זאגן וואס דאס מיינט די שטאט ניו יארק, דאס איז די טריפה'נע גאסן פון ניו יארק, דארט קען מען זען פון די גאס אין מאנהעטן און פון יענע גאס אין מאנהעטן, און אז ער איז מחנך זיין קינד צו דעם, היש לך אכזריות גדול מזה.

(דרשת שבה"ג תש"ע)

★ ★ ★

וכמו"כ צריכים להרחיק מבתי ישראל כל ההמצאות החדשות שממציא היצה"ר חדשים לבקרים, כי בימים מקדם כאשר אחד רצה להתנהג כברי' שפילה, ולהתנהג כאחד הריקים לא היק קל עליו הדבר כ"כ, כי הוצרך לנדוד למושב זרים, כי במחנינו כאן לא יוכל לעשות כאוות נפשו, כהיום הזה המציא היצה"ר הקאמפיוטע"ר והאינטערנע"ט, שבו יוכל לראות ולשמוע כל מה שלבו חפץ וברגע כמימרא יכול להפיל נשמתו בשאול תחתי', וכן הדבר בשאר כלים והוא הדין בכל הצייטונגען הטמאים למיניהם.

(דרשה קודם קריאת התורה שב"ק בשלח תשנ"ח בוויליאמסבורג)

★ ★ ★

וכמו כן צריך להזהר בכלי ה"קאמפיוטער" שהוא לכאורה כלי שמלאכתו להיתר מ"מ יכול להתהפך להיות כלי שמלאכתו לאיסור ו"כלי משחית" ר"ל לקלקל ולהשחית את ביתו ואת בניו ובנותיו, ואל ידמה בנפשו שהילד אינו יודע ואינו מבין להשתמש בכלים הללו, כי חכמים המה להרע והמציאות המרה מטפחת על פנינו ובפרט אחרי שהעבר כבר הורה לנו שהביאה להרבה חורבנות ר"ל וע"כ שומר נפשו ירחק מהם וירחיקם מפתח ביתו ולא יטמאו את מחנינו וחינוך צאצאינו.

(דרשה ליל שב"ק יתרו תשנ"ח בבארא פארק)

★ ★ ★

ועוד ענין נחוץ שראיתי לנכון לעורר על זה והוא ענין "קאמפיוטער" אשר נכנס יותר ויותר בקרב בתי בני ישראל, והסיבה לזה נאמרה מפי יודעי דבר, שעוד יבא זמן אשר לא יוכלו לעשות מסחר בלי ה"קאמפיוטער", אכן צריכין להתבונן שלעומת זה סכנה גדולה מרחפת על בתי בני ישראל, ולפי ראות עיני האדם נראה ככלי שמלאכתו להיתר, ואינם משגיחים דתחתי' תעמוד הבהרת וסכנה גדולה וחמורה יכול להצמיח מזה, ולאמיתו של דבר כבר בעבר נצמח מזה ר"ל הרבה דברים לא טובים דברים שלא נודע לרבים, אבל מי שיש לו ידיעה קצת בעולם הרבנים יודע ועד להחורבנות שכבר נעשה ע"י כלי זה, ומה גם כי יכולים לחבר לכלי ה"קאמפיוטער" גם כלי הטמא "ווידיא" וה"אינטערנעט", ותוצאותיו מי ישורנה ר"ל.

וידועים הם דברי מרן כקדו"ז זי"ע שפעם נשאל ממנו על איזה כלי אם יכולים לראות בזה דברים אסורים, ענה לו אחד מהנוכחים שאם רוצים יכולים לראות, נענה לו מרן זי"ע ואמר בצחות לשונו "אז מ'וויל זען קען מען זען, און אז מ'קען זען וויל מען זען" עכלה"ק, ודבריו הק' הם אמת ויציב ונכון, כי בכלי הנ"ל יכולים לראות כל דבר אסור, ועבור כמה דאלע"ר יכול לקנות הכל, ומי שיש לו בביתו קאמפיוטע"ר צריך שיסגירו שבע פעמים באופן שלא יגיעו יד בניו וימששו בו, כי בלא"ה הרי הוא מחריב את ביתו, וגם הבנים הגדולים צריכים שמירה מעולה מזה, כי גם הם יש להם יצה"ר ויכול להעבירם מדעת קונם, וצריך סייעתא דשמיא מרובה להנצל מפח יקוש המכונה קאמפיוטע"ר, כי הוא אסון גדול אשר אין לזה תרופה.

**(דרשה במלוה מלכה שע"י איחוד התלמידים מוצש"ק בא תשנ"ט לפ"ק בוומסב"ג)**

★ ★ ★

וכן בענין הקומפיוטע"ר והאינטערנע"ט אשר כבר יצאו בכרוזים כל גדולי ישראל בארץ ובגולה אשר ארס סם המות טמון בתוכה, והוא האינטערנע"ט, אשר ע"ז יכולין להמליץ כל חמירא וחמיעא דאיכא בעולם וכל טומאת וכוחות היצר דאיכא בעולם ברשות"י דהיינו שהיצה"ר יכול להכנס ברשותי ובביתי ע"י הקומפיוטע"ר ואפי' מי שהוא כרוך אליו לצורך פרנסתו, ישמור כעל בבת עינו, ויניחנו בצנעה אחרי מסגר ובריח במקום שאין היד שולטת כי הרבה חללים הפילה ר"ל, והוא להזהיר הגדולים על הקטנים כי הוא מעוות אשר לא יוכל לתקון, וכן הגדולים בעצמם צריכים שמירה יתירה כידוע דברי כקדו"ז זי"ע שפעם שאל על איזה כלי אם יכולים לראות בזה דברים אסורים, ענה לו א' שאם רוצים יכולים לראות, ענה לו כקדו"ז זי"ע שלא כן הוא בעוה"ר אלא אם יכולין לראות אז רוצים לראות, ודברי פי חכם חן וישמע חכם ויוסיף לקח.

**(דרשה בביהמ"ד אהל רחל ירושלים שב"ק יתרו תשנ"ט לפ"ק)**

★ ★ ★

וכמו"כ פשטה המספחת לדאבונינו בזמן האחרון, והוא ענין ה"קומפיוטער" אשר בעוה"ר רבים חללים הפילה, ובפעולה קטנה יכולים להגיע דרך הקומפיוטער להמקומות הכי גרועים שבעולם ולדבר עם אנשים הגרועים שבגרועים, ואל יאמר האדם שחשש רחוקה היא, כי קרוב אליך הדבר מאוד, ורבים אשר אמרו שלהם ולבניהם לא יזיק הדבר, ובוודאי לא להם

הדברים נאמרו, לדאבונינו המציאות המרה טופחת על פניהם, וילדיהם ובני ביתם כבר הלכו לטמיון, ואציע לפניכם לשונו הזהב של רש"י הק' בפרשת אחרי בא אחד ואמרו אל תאכל צונן ואל תשכב בלחה שלא תמות כדרך שמת פלוני, ע"כ אשטח לפניכם בקשתי שלא תצטרכו ח"ו לבוא למצב שתצרכו לספוד לצר"ה ולבכותה כדרך שעשה פלוני, ולא רק באלו הקומפיוטער שיש בהם האינטערנעט אלא כל קומפיוטער כהיום, אפשר להכניס בה הכלי הטמא הוודיא"ו ואין לה עצה אחרת רק לבערו מן הבית, וידע ברור שבנפשו ובנפש בניו ובני ביתו הוא.

ואציע לפניכם בקשתי כי היות שבאסיפה שהיתה לי היום עם הנהלת המוסדות הוחלט למנות "וועד החינוך" שיהי' מורכב מחמשה אנשים יראי ה', אשר גודל מעלתה אי אפשר לתאר, ומתוך נסיון אני אומר לכם שגם בעירנו קרית יואל הוקמה וועד החינוך, ומני אז הוקם הוועד החינוך כבר פעלה גדולות ונצורות, ולאחרונה הוקמה וועד החינוך גם בעיר וויליאמסבורג, ע"כ בקשתי אחת היא לכם שכל דבר הקטן יביאו אליהם וידונו בעזר ה' בכל ענין וענין בכבוד ראש, ותקותי איתן שעוד לפני שאחזור הביתה יגמר הדבר בכי טוב והכל יסודר על מקומו.

**(דרשה בביהמ"ד הגדול ויואל משה בני ברק ב' משפטים תשנ"ט לפ"ק)**

★ ★ ★

עוד צריכין לעורר בענין חינוך הבנים והבנות, שזהירות יתירה צריך האדם לחנך בניו על דרך התורה, ולשמרם מכל רוח, וכ"ש שלא יביא את המשחית לבוא אל ביתו, כי חכמת הטעכני"ק אינו עומד במקום אחד, ועל כן גם אנחנו צריכין להעמיד עלינו משמרת למשמרת, ולאחרונה נתפשתה בבתי בני ישראל כלי הקאמפיוטער שעצם הכלי הלוא הוא כלי שמלאכתו להיתר, שלכאורה הרבה טובות בעניני מסחר כבר יצא מזה, אמנם דא עקא שגם רבים חללים הפילה כלי הזה, ועל ידי שלא נתנו ההורים על ליבם חומר הדבר והניחו פתוח מבלי מנעול ובריח, כבר נתקלקלו גם בנים מבתים יראים ושלימים, ואף שאם אינו מחבר לזה את הכלי משחית הידוע האינטערנע"ט, זה עצמו שמניחים הבנים להביט עליו משחקים (פלעי"ס), הלא ישאל נא את המלמדים והמחנכים וכולם פה אחת יכירו על הילד ביום האחר שראשו בל עמו אל הלימודים כי מחשבותיו שטות אל עבר מה שרה עיניו ביום אתמול ודי בזה למבין.

וכאן בעמדי על המשמרת בעיר הגדולה לאלקים ידעתי את מכאוביו, והוא ששמוע שמעתי שלדאבון לבי אברכי הכולל דפה הם במצור ובמצוק, וזה כמה חדשים שלא קיבלו את משכורתם, ואין זה כי אם שכבוד התורה אינו חשוב בעיני האנשים, ועל כן באתי לעורר שכל אחד יבין לעצמו שיסוד עיר הזאת הם בני התורה והם שומרי העיר מכל צער ונזק.

**(דרשה שבת הגדול שנת תשנ"ט לפ"ק)**

★ ★ ★

עוד לאלוה מילין לפרש הכתוב שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך, ופרש"י כדאי הוא מינוי הדיינין הכשרין להחיות את ישראל ולהושיבן על אדמתן, וי"ל בדרך רמז מוסר עפימש"כ באגרא דכלה (פרשתן) לפרש הכ' שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך וכו', דקאי על ז' שערים שפתחם הבורא ית' בראש האדם, שמהם יוצא ההבל ועשויים להכניס ולהוציא

כדמיון השער, דהיינו ב' עינים, ב' אזנים, ב' נקבי החוטם, והפה שמהם יוצאים ההבלים, והם עיקר החושים המשמשים לאדם, וצריך לשעבד כולם להבורא ית' לבל יביט ולא יטה אוזן ולא יריח ולא ידבר ולא יאכל וישתה, רק מה שנוגע לכבוד הבורא ית"ש, וצריך להמשיל השכל השורה במוח על כל השערים הנ"ל, דהיינו לשפוט בצדק איזה דבר יביט וישמע ויריח וידבר ויאכל, ומאיזה מהן ימנע, עכדה"ק.

והנה ידוע מש"כ א"ז זללה"ה בישמח משה (פ' מקץ) שע"י שאינם נזהרים בשמירת העינים ופוגמים באות ברית קודש ונכשלים בחטא עי"ז נחסר הפרנסה, עי"ש. וכ"ק מרן דו"ז זללה"ה בדברי יואל (פ' וארא עמוד רכ"ב) האריך בדבר דיסוד הגאולה תליא בשמירת הברית, דאם ח"ו פוגמים בקדושת הברית ר"ל מפזרים ניצה"ק ועי"ז נתעכב הגאולה, ופי' בזה הכתוב פדות שלח לעמו צוה לעולם בריתו, שהבוי"ת הכין כח הפדות והגאולה לישראל, ע"י שצוה לעולם בריתו, שיהיו שומרי ברית עכתודה"ק.

וז"פ רש"י שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך, ואחד מן השערים הוא העינים, וע"י שיזהרו בשמירת העינים לא יהי' חסרון הפרנסה ח"ו, וזהו כדאי הוא מינוי הדיינין הכשרים אשר האדם ממנה על עצמו בכל שעריו, שבזכות זה יהי' להחיות את ישראל שיושפע שפע פרנסה לבנ"י, ולהושיבן אל אדמתן שנזכה לגאולה שלימה ונשוב לארצינו הקדושה.

ולעניננו עומדים אנו בחודש אלול, ויש הרבה על מה לעורר בענינים הללו, שלהי דקייטא קשיא מקייטא (יומא כ"ט.), וצריכין להשגיח ולעשות שופטים ושוטרים כי זהו מעכב שפע הפרנסה.

כלפי מה דברי אמורים, בענין מכה החדשה אשר לא כתובה, והוא כלי הקאמפיוטע"ר והאינטערנע"ט אשר כל הסוחרים צריכים לזה עבור מסחרם, וכל סוחר ומסחרו מקושרים לזה, וכלי זה יכול להוליך את האדם לשאול תחתית ר"ל, וכבר רבים חללים הפילה, הקטנים עם הגדולים, ולדאבונינו ישנם כאלו הסוברים שסכנה זה אינו אורבת רק לילדים וקטנים אבל לדידי' שהוא כבר גדול ובא בשנים מותר להשתמש בכלי הלז, ולכן תדעו נאמנה שלא כן הוא הדבר, והסכנה גדולה הוא עד למאוד לכל מי ששולח בו יד, ומי שהתחיל להתעסק בזה נתפס ברשת היצר ומעתה קשה לו מאוד לפרוש הימנו, וע"י כלי זה יכול להגיע למקומות האסורים ביותר, "דאס איז א זאך וואס העלפט ארויס פרנסה? דאס איז מעכב די פרנסה!, דאס לייגט דאך צוגרינד די פרנסה!" ולכן ידע כ"א שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך, הגם שבאמת קשה הדבר למאוד לאסור איסור לגמרי על הקאמפיוטע"ר כי הוא היום חלק מן המסחר, אכן צריכין להיות שופט ושוטר על עצמו למנוע מדברים לא טובים וכל זה נאמר גם לגדולים בשנים, כי לדאבונינו הרבה אנשים גדולים הלכו למקומות הגרועים ע"י כלי זה, ומן המותר להסביר שאצל ילדים הוא דבר המזיק ביותר, ולכן ידע כל מי שיש בביתו קאמפיוטע"ר אם אינו סגור ומסוגר בדלתים ובריח שבע פעמים, אזי הוא מאבד בניו ושולחם לשאול תחתית ר"ל, ולא יעלה בדעתו להצדיק א"ע בהחזיקו את בניו בחזקת כשרות כי מצויינים המה בתורה וביראה ולא יכשלו בדברים לא טובים, כי אין אפוטרופוס לעריות והיצה"ר הוא חזק ביותר, ולכן ידע כ"א שכלי זה אסור להיות בבית

אשר שם נמצאים ילדים ואצל אנשים גדולים רק באופן שהוא צורך גדול, וגם אז צריך להיות שופט ושוטר, כי הנסיונות גדולים עד למאוד.

**(דרשה בביהמ"ד הגדול בקרית יואל ה' שופטים ר"ח אלול תשנ"ט לפ"ק)**

★ ★ ★

ועכשיו כן נקבל על עצמינו להשגיח על חינוך הבנים והבנות, ומחובת החינוך הוא ללמוד עמהם ולהעמידם על כור המבחן מה שלמדו במשך השבוע, וכן בחינוך הבנות שילכו בצניעות, לשמרם מספרי קריאה בלתי כשרים וכן בגדים שאינם בגדרי הצניעות, וכן להזהר מהכלי קאמפיוטע"ר, שהגם שכמה בני אדם חייהם תלויים בה ונצרך להם כלי הלז לצורך פרנסתם, אבל ישנם כאלו המביאים זאת לתוך ביתם, ומשתמש בו כמשחק טוב לצאצאיו, ובדעתו סובר שמאתו לא תצא הרעות ולא יזיק לבנו, אבל באמת להוי ידוע משחז"ל אין אפוטרופוס לעריות, וכמה וכמה אנשים שסברו בדעתם שכל זה לא יזיק לבניהם, כהיום הוכיחו לדעת שהוא מהאבות נזיקין לקטנים ולגדולים, וכבר נתקלקלו בזה הרבה בני אדם שכבר באו בשנים, ואינם משיגים הסכנה גדולה הטמון בזה, ולמודעי צריכנא שמי שיש לו בביתו כלי זה הרי זה מאבד חלילה בידים את בניו והוא בהיר כיום אשר כל המחנכים היודעים ענין זה אומרים זה, וכל מי שחס על בניו יוציא הכלי מתוך ביתו תיכף ומיד וירחם עליו ועל בני ביתו. וכן יקבל כ"א לשמור על פיו ועל מה שאוכל שיהי' לו הכשר טוב. ואם תתעוררו באמת עם הרהורי תשובה אמיתי אזי יהי' לכם במה לילך לימים הק'.

**(דרשה בביהמ"ד הגדול בארא פארק ב' סליחות תשנ"ט לפ"ק)**

★ ★ ★

וכאן המקום לעורר שצריכין לעמוד על המשמר לקיים מה שנאמר (דברים ז' כ"ו) ולא תביא תועבה אל ביתך, ולא ניתן למשחית לבוא אל תוך בתינו, כגון ספרי קריאה בלתי כשרים, שאז הרי אנו מקלקלים אותם במו ידינו, ואזכיר עוד הפעם באזהרה חמורה אודות הכלי אינטערנע"ט, ואף שכבר דברנו מזה כמה פעמים לא אמנע מלעורר עוד הפעם וכמ"ש בשופר דאחז"ל (ר"ה ט"ז.) למה תוקעין וחוזרין ותוקעין כדי לערבב השטן, דמצינו שכדי לערבב השטן לא די אם תוקעין בפעם אחת אלא חוזרין ותוקעין ומריעין עד שנערבב השטן ואותו יצר הרע תעבירו מלבבכם, ולאחרונה נתפשתה בבתי בני ישראל כלי הקאמפיוטע"ר שעצם הכלי הלא הוא כלי שמלאכתו להיתר, שלכאורה הרבה טובות בעניני מסחר כבר יצא מזה, אמנם דא עקא שגם רבים חללים הפילה כלי הזה, כי על ידו בניקל יכולים להגיע למקומות אשר תסמר שערות אנוש, וכבר רבים חללים הפילו על ידי שלא נתנו ההורים על לבם חומר הדבר והניחו פתוח מבלי מנעול ובריח, כבר נתקלקלו גם בנים מבתים יראים ושלימים, וידע מי שיש לו הכלי ואינו משמרו שהרי הוא מעביר את בניו למולך והרי ע"ז עדים נאמנים כל מי שיש לו יד ושם בעניני חינוך.

**(דרשה שבת שובה שנת תש"ס לפ"ק)**

★ ★ ★

והיותר מכאיב מזה הוא כאשר ההורים רוצים להטיב לבניהם לאות הוקרה וקונים לו למתנה כלי הנקרא "קאמפיוטער" כדי שיהנה ויוכל לשחוק בזה, והנני בזה להודיע למי שקונה קאמפיוטע"ר ומכניסו לתוך ביתו, אוי לו לאב שמחריב את בניו ואת ביתו ומכניסם

לשאול תחתית, כי כהיום הזה כאשר קונים קאמפיוטע"ר אף שהיא נראה לעינים ככלי שיכולים לשחק בזה כמה משחקים, אכן תחתי' תעמוד הבהרת, ומונח שם כל ריב וכל נגע ואין להציבור השגה כמה ילדי ישראל כבר סרו מדרך הטוב ע"י כלי זה, וגם שם התחכמו ההורים וסברו שלבניהם לא יזיק כל זאת, ולדאבון הלב נתקלקלו בניהם, ולכן כל מי שחס על בניו לא די שלא יקנה אותו, רק אם יש לו מכבר לא יחוס על הממון כי אם על בניו ויוציאו מביתו.

**(דרשה בביהמ"ד הגדול בקרית יואל ג' וישב כ"א כסלו תש"ס לפ"ק)**

★ ★ ★

כי ידעתי את מכאוביו, בענין הווידי"א ולאחרונה גם האינטערנע"ט הטמאה, כי רבים חללים הפילה, "אסאך עלטערן זענען פארווייטאגט ווייל זיי האבן געגלייבט זייער קינד, זיי האבן געקלערט מיין קינד וועט דאס נישט שאדן" ובאמת א"א להאמין שום ילד בזה, אלא צריך כל אחד להשגיח הכלי הקאמפיוטע"ר בל יראה וימצא בבית היהודי.

**(דרשה קודם קריה"ת בביהמ"ד הגדול בבארא פארק שב"ק שמות תש"ס לפ"ק)**

★ ★ ★

וכן צריכין להרחיק מפתח בתי בני ישראל כלי "ווידיא" וכלי "קאמפיוטער" המחובר לאינטערנע"ט אשר זה מוביל את האדם למקומות נדחים אשר אסור להעלותם על המחשבה,

**(דרשה במלוה מלכה שע"י איחוד התלמידים מוצש"ק שמות תש"ס לפ"ק בב"פ)**

★ ★ ★

וכן צריכין לעורר על ענין של קאמפיוטע"ר אשר הרבה מאחב"י יש להם כלי זאת בבית, וסוברים שצריכים זאת לפרנסה או שהוא תועלת להילדים, וכבר עניתי ואמרתי בענין זה כמה פעמים, ובכל פעם נתחדש לי ביותר חומר הענין בזה, כי רואה אני שבני אדם אינם תופסים חומר הענין, והנני בזה לומר לכל הציבור כאן, דיברתי עם מנהל אחד של ת"ת אחרת ואמר לי שיש לו "פראבלעמען" עם בחורים בני י"ג שנים באופן נורא ומבהיל ואי אפשר לו לטכס עצה והשורש בזה הוא הקאמפיוטע"ר, ההורים סוברים שיכולים להשגיח על זה ואינם מתבוננים שבסכום פעוט יכולים לקנות איזה "דיסק" או "סי די" ואחד נותן לחבירו ומשתמשים בזה והילדים מתחכמים על ההורים, וכל מי שיש לו קאמפיוטע"ר בביתו ידע שיש לו מלאך המות הרוחני בביתו והוא איום ונורא, וכל מנהלי הת"ת מבכים מרה על זה.

**(דרשה במסיבת "יסוד איתן" הכללי לטובת המתיבתא מוצש"ק פ' ויקהל (שקלים) תש"ס)**


איר ווערט...
נישט געווינען!
פארוואס זאלט איר זיך לאזן
אריינפירן בלינדערהייט?,
אינטערנעט האט שוין ליידער
זייער אסאך אריינגעשלעפט מיט
איר אויסטערלישן שטארקן כח,
לייגט ארויף דעם גדר און שפארט
אפ אייער אינטערנעט אויפן
סעלפאון.
ווארט נישט ביז איר ווערט
נישט געווינען.
אויב דארפט איר האבן
אי-מעיל פאר "ביזנעס" מאכט אבער צו דעם אינטערנעט!
BASIC
פילטערט דעם אינטערנעט
"נישט רעקאממאדירט אבער
בעסער ווי גארנישט"
ADVANCED
מאכט צו אינגאנצען דעם
אינטערנעט - מען קען נאר
אימעיל און מעסידשימג
אין דעם זכות וועט איר
געראטעוועט ווערן
מכל גדירה קשה ורעה!
רופט שוין היינט
718.873.0809
www.circledesignny.com


Don't delay!
It's your call...
Do it today!
APPROVED
Purely Voice Cell
call:
845-418-2250
Authorized dealers of:
The Purely Voice Cell
We're All Talk



*Stay connected the Kosher way.*

no text
web

no hidden fees

no contract

no credit check

unlimited walkie talkie

**unlimited talk**

$50 = $50

monthly unlimited

For Sign up call 866.525.9201





Motorola i776

עפ"י תורה

boost mobile™

*Cancelation fee applies when transferring from Sprint or Nextel to Boost.

Your monthly payment date will be the day of the month that you activate service on your phone. Your payment must be made in full within 60 days of service interruption to resume service or your account and service will be cancelled. A $10 reactivation fee will apply. If your service is suspended or terminated your payment date will be the day of the month that you reactivate service. Payments are made by adding funds to your account and your account balance must contain funds equal to or greater than the monthly payment amount no later than 11:59 PM the night of your monthly payment date or service may be interrupted due to nonpayment.

צוגעלאזענע סערוויס
בילּיגסטע פרייזן

# E-Z TALK

845-362-TALK

29 Jefferson Ave.
New Square NY 10977

# בשורה טובה!

מ׳קען באקומען ביי אונז די נייע סעלפאנס
וואס איז ספעציעל פאבריצירט געווארן
פאר משומר.




## כמה מעלות טובות:

- ספעציעל שטארק
- גוטע סערוויס
- זייער קלאר
- א אידישע לוח
- מ׳קען האבן די Page plus סערוויס
- מ׳קען בלייבן מיט די פריערדיגע נומער
- ועל כולם עס קומט מיט א 6 חדשים געראנטי*

עס וועט זיין צו באקומען ביי אונז
אנגעפאנגען פון דאנערשטאג 12:30

**אונזערע געווענליכע שעות:**

זונטאג-דאנערשטאג: 12:30-5:00

פרייטאג: 11:00-1:00

*עס איז אויך דא א אפציע פאר 12 חדשים געראנטי.

ובהם נהגה יומם ולילה

# התאחדות אברכים

שע"י קהל יטב לב ד'סאטמאר

נתייסדה ע"י מרן רבינו הקוה"ט זצוקלה"ה

בנשיאת כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • בראשות הגה"צ אב"ד ור"מ שליט"א

## ונה' אנחנו וצאצאינו כולנו יודעי שמך!

הננו להזמין בזה את כל אנ"ש הי"ו וביחוד הורי התלמידים במוסדותינו הק' אל

# אסיפת חינוך רבתי

אשר תתקיים בעזהשי"ת

## ביום ה' נצו"י הבעל"ט

### בשעה 8:00 בערב

## בהיכל בית מדרשינו הגדול

*14 Hooper St.*

**הרבנים הגאונים מגדולי ופארי הדרשנים**
**ישמיע מדברותיהם בנעימים**

### הה"ג מוה"ר יצחק אייזיק קרשעווסקי שליט"א

ר"מ בישיבתינו הק' ב.פ.

### הה"ג מוה"ר אבא חיא טייבער שליט"א

ר"מ בישיבת שער אפרים מאנסי

באסיפה זו ישמיע ענינים נחוצים למאוד הנוגעים ביחוד בימינו אלה, וכל ההורים ישאבו המון ידיעות נחוצות הנוגע להם מדי יום ביומו, אשר יהי' לתועלת מרובה בעזהשי"ת

## איש בל יעדר מלהשתתף באסיפה נחוצה זו

המחכים לקראת בואכם לשלום

נ.ב. סדר המעמד יתפרסם במודעה מיוחדת בשבוע הבעל"ט